THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. VIII No. 5 | 50 CENTS A YEAR | JANUARY, 1927

## AN ANSWER TO A QUESTION.

Gentlemen:-

Did not God Jehovah command not to have any other Gods before him? If according to your belief, Jehovah, the holy ghost and Christ are well one (trinity) then how come that Jehovah in the personality of Christ has completely changed his words and commandments? For instance, the day set for the sabbath, the 50 years jubilee, the law of every farmer to give a tenth of his crops, the law prohibiting to take interest, etc.

Is it possible to imagine that God Himself under the mask of Christ would change such wonderful great human principles which he himself laid down to his chosen people to be followed up forever and ever and nothing substituted in place of these laws that would at least compare within reasonable limits.

Come across and answer in a logical way the above questions just as reasonable and fundamental as they are put up to you. This is a question, either you are right and I am wrong or I am right and you are wrong.

I am a Jew and highly proud of it, in fact I do not see anything among other races of people that would equalize with the Jewish race in general culture, in music, philosophy, physics and professorship, in all the higher classical subjects that would induce me to drop my own people who are so brilliant and join some other denomination who are inferior to the one I belong to now.

I know, as a race, we have other faults; being human, none of us are perfect. The way the so called Christians have treated the Jews, after the Jews have contributed so much to the world original ideas that the Christians have greatly benefited and then turn around with inquisitions and massacres that is fitted to savage's ways, and then these savages ask the Jews to be converted into their belief, which they themselves borrowed from those whom they persecuted, seems to me that the Jews have nothing to apologize for their being in this world to say the least.

Excuse me for getting astray on the subject as this is chiefly written to receive your answer to the questions.

In conclusion will say that I am not prejudiced against you, gentlemen, for turning Christians, if you are sincere, even if we do not agree in our way of believing.

Yours very truly,

B. L. S.

**Answer:** You evidently have not read the New Testament. Please read what the Lord Jesus Christ said Himself: "Think not that I am come to destroy the law, or the prophets: I am not come to destroy, but to fulfil. For verily I say unto you, Till heaven and earth pass, one jot of one tittle shall in no wise pass from the law, till all be fulfilled. Whosoever therefore shall break one of these least commandments, and shall teach men so, he shall be called the least in the kingdom of heaven; but whosoever shall do and teach them, the same shall be called great in the kingdom of heaven." Matt. 5:17, 18, 19.

So you see that when a Jew becomes a believer in Christ, he is not supposed to do away with any of the laws of God given directly to Israel. You must remember that the Gentile Christian is not under obligation to keep the Sabbath which was given expressly to Jews as a national memorial. Deut. 5:15. In like manner the Gentile is not bound to observe other Jewish holidays which are of a similar character, as the 7th day Sabbath. The Gentile Christians took upon themselves to observe the first day of the week in memory of Christ's resurrection on that day, but it was not a change of Sabbath from the 7th day to the first day. No man can change the Word of God which will stand forever. So you see that when a Jew accepts the Lord Jesus Christ as his Saviour, he does not cease from being a Jew, and is not supposed to do away with his national memorials. Just as well as an American sojourning in Paris finds it proper to celebrate the fourth of July even if he is under a different nationality. Those who believe in Christ are individuals whom God has taken out, "one of a city and two of a family" (Jer. 3:14), who unitedly form one big congregation, but their respective nationality is not swallowed up in this Christian unity. There is neither Jew nor Greek. We are all one, irrespective of differences in nationalities just the same as the citizens of the United States. Everyone can observe his national memorials but under the flag of the United States we are all one people; the German who is a citizen of the United States may observe his Great Frederick Day. The Irish may observe their St. Partick Day, etc. If you join therefore the Great Christian ecclesia or congregation, you may observe all your national ceremonies and yet be one with all other Christians. We must accept the Lord Jesus Christ as our Saviour from sin, as it says in Isa. 53, "And Jehovah hath laid upon him the iniquity of us all." This point, remission of sin, you can never acquire thru ceremonies or observing memorial laws. After all the particular observances, one is still under the curse of God, who said, "Cursed be he that confirmeth not all the words of this law to do them." Deut. 27:26.

You are proud of perhaps one Jewish philosopher, Spinoza? Don't be proud of him, if you are a real Jew, because he has given birth to higher criticism and infidelity. Are you proud of a couple of Jewish fiddlers? What good do they bring to humanity? Have Jews discovered telegraphy, the cable, steam, electricity and radio? With your boasting you confirm the old Talmudic adage, "A few pennies in a pocket make a loud noise."

You know, with all your pride and boasting, you have broken God's law. There has not been one Jew in the world who did not break the law of God in one way or another. What do you do to be reconciled to God? You may speak very highly of yourself and your people, but it is an awful thought when we remember that as sinners we are all under the condemnation of Deut. 27:26. If you are a sincere man, you must come to our blessed Messiah, Jehovah, accept Him humbly and follow Him all the days of your life. When you will be once a disciple of the Son of God, you will not say that you are proud of being a Jew, but you will walk humbly with God. Micah 6:8. You will not say that you are of the superior race and others are inferior, but you will follow the principle which the Lord Jesus Christ so much emphasized to "Love thy neighbor as thyself." Lev. 19:18. Matt. 5:43;22:37. If you are right that our people the Jews are superior in every way, doing God's commandments, why is it then that God allows us Jews to suffer so much and so long. He is our father and He loved Abraham and His children after him. How can He endure that His beloved children shall be oppressed, robbed and killed by such savages to whom you refer. But remember, that God is waiting for us Jews to repent, give up our foolish pride and humble ourselves in the dust and accept our blessed Saviour thru whom alone we will become reconciled unto our father who will become again our God and our protector. Long may we pray all the day of atonement, long may we fast and give alms, that would not help us. Read Isa. 1:10-18, "Your new moons and your appointed feasts my soul hateth; they are a trouble unto me: I am weary to bear them. And when ye spread forth your hands, I will hide mine eyes from you; yea, when ye make many prayers, I will not hear: your hands are full of blood."

When the Jews will be converted, ac-

(Continued in the inside page)

**Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

הייליגען משיח ישוע. דורך גלויבען אין איהם וועט אויך בעלייכטעט ווערען דאָס הייליגע תנ"ך און עס וועט ווערען אַ „נר לרגלי ואור לנתיבתי“.

---

## ניו-יאָרקער אוניווערזיטעט

א טשיקאַווער כאַראַקטעריסטיק פון יונגען דור איז אַרויפגעשוואומען צו דער אויבערפלעכע און האָט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַסע.

די זאַך איז געשעהן אויפ'ן פאָלגענדען אופן: מ'האָט גענומען וואוטס (שטימען) פון די פּראָפעסאָרען און סטודענטען פון דער ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט וויפיעל פון זיי זיינען גלויביג אין אַ רעליגיעזען זין און וויפיעל נישט.

עס פאַרשטעהט זיך אַז די אוניווערזיטעט איז זעהר גרויס. עס זיינען דאָרט פאַראַן הונדערטע פּראָפעסאָרען און פיעלע טויזענטע סטודענטען, צווישען וועלכע אידיישע סטודענטען פאָרמירען די מעהרהייט.

די שטימען דורך אונטערשריפטען פון די פּראָפעסאָרען און סטודענטען האָבען געצייגט ווי פאָלגט:

פּראָפעסאָרען זיינען פאַראַן 43 גלויביגע נעגען 5 אונגלויביגע, און סטודענטען — 2 גלויביגע נעגען 1 אונגלויביגען. פון דעם קענען מיר גענוי זעהן ווי וויים דאָס יונגע אַמעריקאַנער דור איז דעגענערירט, וואָס איז זעהר אַ טרויעריגע ערשיינונג אין דער יוגענד פון אַמעריקא.

עס איז אַמאָל געקומען צו ישוע המשיח אַ געלעהרטער איד אין ירושלים און האָט איהם געפרעגט: וועלכע פון די מצוות אין דער תורה איז די גרעסטע? האָט איהם ישוע המשיח געענטפערט: „ואהבת את ד' אלהיך איז די ערשטע און די גרעסטע, און די צווייטע איז, ואהבת לרעך כמך (מאַרקוס 12).

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אידען האָבען געלערענט די תורה מיט זייערע קינדער אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט „ושננתם לבניך“. און אַזוי לאַנג ווי דאָס האָט אָנגעהאַלטען איז מען געווען זיכער אַז דאָס יונגע דור וועט אויסוואַקסען כמעט גאַנצע הונדערט פּראָצענט גאָטעס־פירכטיג. און מ'האָט טאַקע דאַמאָלס נישט באַדאַרפט קיינע עלעקטריק טשערס פאַר קיינעם.

אין פרשת וירא געפינען מיר אַז גאָט ב"ה האָט אַמאָל געזאָגט צו אברהם אבינו: „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו“. ד"ה, איך האָב איהם ליעב ווייל ער באַלעהרט זיינע קינדער און זיין גאַנץ הויזגעזינד צו זיין גוט. אברהם אבינו איז טאַקע דערפאַר געשטאָרבען בשיבה טובה, נישט חלילה בקיצור ימים.

אָט דיזע מדה פאַר עלטערן צו לערנען מיט קינדער תורה איז תמיד געווען דער אידיישער כאַראַקטעריסטיק אין אַלע צייטען. היינט האָט זיך אָבער דאָס רעדעלע שטאַרק אַ דרעה געטהון אויף צוריק, דאָס יונגע דור ווערט אויפגעצויגען אויף אַ מנושמ'דיגען פונדאַמענט, זיי ווייסען וועניג פון תורת משה והנביאים בפרט און פון ריינעם אידישקייט בכלל.

ווען דיזע קראַנקהייט פון אומגלויבען צווישען אידישע סטודענטען וואָלט כאָטש נישט אַרויסגעגאַנגען מחוץ למחנה, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע מכה. די צרה איז אָבער אַז דיזע עפּידעמיע, דיזע אָנשטעקיגע קראַנקהייט איז אַרויס פון דער אידיישער גרענעץ און האָט זיך צוגעטשעפּעט אויך צווישען גוים, אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט הייסט: אַזוי ווי עס יודעלט זיך אַזוי קריסטעלט זיך.

עס איז ענטוועדער אָדער. ענטוועדער אידען מוזען זיך לערנען פון די נאָבעלע קריסטען צו זיין גאָטעס־פירכטיג, אָדער די גוים וועלען זיך שנעל אויסלערנען פון דער אונגלויביגער אידיישער יוגענד צו זיין איגנאָראַנט און גאָטלויז, און ווען דאָס לעצטע זאָל חלילה געשעהן, דאַן . . . דאַן וועט זיין אַז אַך און וועה צו דעם אידיישען דור וואָס וועט דאַמאָלס עקזיסטירען. עס וועלען זיך ווידער אָפּשפּיגלען און בעניי‌ען די פּאָגראָמען פון צאַר'ס רעזשים, מיט אַן אונטערשלאַג דערצו. און מען וועט דאַמאָלס ערשט אָנהויבען נאָכצוזוכען די אורזאַכע דערפון און ווי אַזוי עס אָפּצושטעלען. בינו לבינו קאָן עס אָבער אונזער פיעל געפּלאָגטער אומה ימים מיט בלוט קאָסטען.

פאַרוואָס, פרעגען מיר, זאָלען די רבנים דאָס נישט ציימליך איינזעהן און אַנשטאָט זיך צו באַשעפטיגען מיט „בית הקברות זאַכען און מיט נאָך אַזאָלכע פוסטע חלומות, פאַרוואָס נישט בעסער זעהן אַז די אידיישע יוגענד זאָל נישט אויפוואַקסען אַזוי ווילד אַז גוים זאָלען זיך האָבען פון זיי אָפּצולערנען גאָטלויזיגקייט.

מיר זיינען דאָך בני אברהם, טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר נישט טהון אַזוי ווי אברהם האָט געטהון, נעמליך, מקרב זיין מענשען צו יראת שמים. ביי אברהם הייסט עס: „ואת הנפש אשר עשו בחרן“, ד"ה, אברהם און שרה זיינען געווען מיסיאָנערען און האָבען צוגעבראַכט גוים תחת כנפי השכינה. טהון דאָס היינט די רבנים?

מיר מיסיאָנערען טהון דאָס אָבער יאָ, און אַנשטאָט וואָס די רבנים זאָלען אונז העלפען אין דער עבודת הקודש און אונז מחזק זיין דרין, רעדענדיג אין זייערע שוהלען גוטעס וועגען אונז און זייער יונגען דור הייסען אונז קומען הערען, אַנשטאָט דעם אַטאַקירען זיי אונז און ווילען אונז שטערען בכל מה דאפשר. ניין, דאָס האָט אברהם נישט געטהון.

ווען דאָס יונגע דור וועט צו אונז קומען לערנען גאָטס תורה און יראת שמים וועט עס זיכער נישט קענען אויפוואַקסען אַזאַ שרעקליך און יאָמערליכע גרויסע פּראָצענט אונגלויבען אין גאָט, און עס וועט במילא ברייגען אַ ברכה צו די גוי'שע סטודענטען ווי אויך צו זיך זעלבסט, און דאַן וועט זיין שלום על ישראל.

---

## אַ פראַגע אָהן אַן אַנטוואָרט

עס איז פאַראַן אַ פראַגע וואָס ישוע המשיח האָט געשטעלט צו די גרויסע חכמים אין ירושלים, וועלכע איז נאָך עד היום צו פיעלע נישט געענטפערט געוואָרען. דער וואָס גלויבט אין ישוע המשיח האָט עס שוין יאָ פאַרענטפערט, אָבער דער וואָס גלויבט נאָך נישט, צו דעם איז עס נאָך היינט אַ פראַגע אָהן אַן אַנטוואָרט. די פראַגע געפינט איהר אין דעם פאָלגענדען אויסצוג פון ברית חדשה, לוקס 20:

„עטליכע פון די צדוקים וואָס גלויבען נישט אין תחית המתים, זיינען צו איהם געקומען און איהם געפרעגט, לעהרער, משה האָט אונז געשריבען ווען איינעמס אַ ברודער שטאַרבט אָהן קינדער זאָל דעם פאַרשטאָרבענעמ'ס ברודער דאָס ווייב נעמען און ער זאָל אויפריכטען קינדער פאַר זיין ברודער. נון זיינען געווען זיבען ברידער. דער ערשטער האָט אַ ווייב גענומען און איז אָהן קינדער געשטאָרבען און דער אַנדערער האָט זי גענומען און איז אויך געשטאָרבען אָהן קינדער, און אַזוי איז געווען מיט אַלע זיבען ברידער, געשטאָרבען און קיינע קינדער צוריק געלאָזען. צולעצט איז דאָס ווייב אויך געשטאָרבען. דאַרום, וועמעס ווייב וועט זי זיין ביי תחית המתים?

„ישוע האָט זיי געענטפערט: קינדער פון דיזער וועלט האָבען חתונה און מאַכען חתונה, אָבער די וואָס וועלען ווערטה זיין אויפצושטעהן תחית המתים, וועלען נישט חתונה מאַכען. זיי וועלען אויך נישט מעהר שטאַרבען, ווייל זיי וועלען זיין גלייך צו די מלאכים און זיין קינדער גאָטעס און קינדער פון תחית המתים.

„אָבער אַז די טויטע וועלען אויפשטעהן תחית המתים האָט אויך משה אין סנה געזעהן ווען ער רופט אָן גאָט אַלס דער גאָט פון אברהם יצחק ויעקב, ער איז געוויס נישט דער גאָט פון די טויטע, נייערט פון די לעבעדיגע, ווייל די אבות לעבען צו גאָט; און דאָ האָט ער זיי דיזע פראַגע געשטעלט: ווי אַזוי זאָגט איהר אַז דער משיח איז דער זוהן פון דוד, ווען דוד אַליין זאָגט אין תהלים ק"י: „גאָט האָט געזאָגט צו מיין האַר, זעץ דיך צו מיין רעכטער האַנד ביז איך וועל מאַכען דיינע פיינד פאַר אַ פוסבענקעלע צו דיינע פיס“.

---

אנו געהט און פרעגט אייער רבי'ן אָדער אירגענד וועלכען תלמיד חכם און זאָל ער אייך ערקלעהרען וועמען דער רוח הקודש האָט געמיינט וואָס ער זאָגט דורך דוד המלך „נאם ד' לאדוני שב לימיני עד אשית איביך הדם לרגליך“? מיר גלויביגע ווייסען אַז דאָס געהט אויף ישוע המשיח, וועלכער איז אַ בן דוד און דאָך רופט דוד המלך איהם אָן "מיין האַר", ווייל דער משיח איז דער „אדון כל“ און ער זיצט איצט לימין הגבורה ביז זיינע פיינד וועלען ווערען זיין פוסבענקעלע, ד"ה, זיי וועלען גלויבען אין איהם, און ער וועט דאַן קומען צום צווייטען מאָל אַלס מלך.

---

cepting the Lord Jesus Christ, they will have His spirit in them and they will not have that Godless characteristic ("Pride do I hate." Proverbs 8:13) of boasting of superiority which has been the cause of our national ruin. But they will have the love of God in their hearts toward all men and then they will carry out their mission in converting all those savages who will also become children of God. Thus thru accepting Christ, the Jews will become a loving and lovable people. They will become God's people again who will be respected by all nations on earth. Do away with your pride therefore and humbly accept your own brother the Messiah Jesus and you will be blessed forever.

אין מתתיהו כ"ז לעזען מיר, ווען מען האט ישוע המשיח פארגעבראכט פאר דעם גובערנאטאר פאנטיאום פילאטוס אויף געוויסע פאלשע קלאגען און ער האט איהם געפרעגט וואס ער האט דרויף צו ענטפערען, האט איהם ישוע המשיח קיין ווארט ניט געענטפערט, נייערט שטיל ווי א לעמעלע איז ער געשטאנען פערטיג גע'הרג'עט צו ווערען פאר אונזערע זינד און דעמאלס איז בוכשטעבליך ערפילט געווארען דער „כשה לטבח יובל . . . ולא יפתח פיו."

ווערטהער לעזער, ווי איהר זעהט, האט דער אידישער נביא ישעיה, איינער פון די גרעסטע אידישע נביאים, אונז נביאות געזאגט אויף ישוע המשיח. דערפאר, ווען איהר זענט א איד און גלויבט „שכל דברי נביאים אמת", דארפט איהר אויך גלויבען אין ישוע המשיח, וועלכער איז מיט איבער 1900 יאהר צוריק געקומען צו ליידען און צו שטארבען פאר אונזערע זינד כדי מיר זאלען קענען האבען א תקומה, סליחת החטאים און חיי עולם.

## אידען און קריסטען קושען זיך שיער

א מערקווירדיג עראייגנים איז געשעהן דיזען חנוכה אין טשיקאגא. אין א אידישער רעפארמירטער שוהל האט מען געפייערט דעם יום־טוב חנוכה, מיט א באנקעט. צו דעם באנקעט זיינען געוועזען איינגעלאדען 70 אידישע געסט, און יעדער גאסט האט געדארפט מיטבריינגען זיינם א קריסטליכען פריינד. ווי געוועהנליך האט מען אויך געדארפט פארשטעלען דעם קריסטליכען גאסט פאר אלע אנוועזענדע ביים באנקעט, וועלכעם האט געשאפען א נייע און א ווארעמע בעקאנטשאפט צווישען אידען און קריסטען, קאטאליקען און פראטעסטאנטען, גלחים און סתם קריסטען, וועלכע האבען אויך זעהר ווארעמע רעדעס געהאלטען.

די קריסטען האבען אין זייערע רעדעס שטארק באטאנט די נויטווענדיגקייט פון טאלעראנץ און ליעבע צווישען אלע ראסען, און די רבנים האבען דרויף געענטפערט מיט שבחים פאר די פריינדליכע ארויסטרעטונג מצד די גלחים. און אזוי האבען זיי זיך פאר דריי לאנגע שטונדען אונטערהאלטען אין א פריינדליכער אטמאספערע. אידען האבען געמאכט א ווארעמע דעמאנסטראציע פאר די קריסטען און אזוי אויך די קריסטען פאר די אידען.

מען דערצעהלט, אז מיט טרעהרען אין די אויגען האבען די צוויי צדדים זיך געדריקט די הענד אלס א צייכען פון אויפריכטיגער פריינדשאפט און ליעבע. זיי האבען זיך אקארשט שיער געקושט פאר ליעבשאפט.

דיזע עראייגענים איז עפעס א שטארקער סימן אז די אידען פון איבעראל הויבען אן צו עפענען זייערע אויגען און זעהן אז אין די גוטע קריסטען, אין די נאכפאלגער פון ישוע המשיח האבען זיי א מין ברידערליכע פערוואנדשאפט. (א חוץ ביי די שלעכטע קאטאליקען וואס האבען א שנאה צו אידען.) און אויפצועפענען די אויגען, איז די גרעסטע נויטווענדיגקייט פאר'ן איד, בעזאנדערס אין דיזער בעציהונג.

אט האלטען מיר זיך אידען מיט דעם בעריהמטען נאמען „עם הספר", בכן, מיר לערנען מעהר, מיר לעזען מעהר, מיר שעצען חכמה מעהר ווי אלע אנדערע מענשען. מיר האבען זיך איינגעבילדעט אז מיר זענען דאס אויבערשטע פון שטויסעל, וועלכעם איז לחלוטין א פאלשע איינבילדונג.

אט איז געקומען א בעריכט אז עס איז פאראן 50 מיליאן יונגע קריסטען וואס שטודירען די ביבעל. ד"ה, 50 מיליאן יונגע גוי'שע סטודענטען זיצען און לערנען אונזער תנ"ך. אין דעם זיינען נישט אריינגערעכענט די פיעלע מיליאנען גוי'שע קינדער, וועלכע לערנען אונזער תנ"ך אין זייערע זונטאג־שולען. וויפיעל אידישע יונגעלייט וועט איהר טרעפען זיצען און לערנען דעם אידישען תנ"ך? ביי אונז אידען געפינט איהר לגמרי נישט אזאלכע סקולס אדער קאלעדזשעס וואו אידישע יונגע לייט זאלען אפגעבען זייער גאנצע צייט צו שטודירען דאס „ספר הספרים", דאס תנ"ך. עס זענען גארנישט דא אזאלכע אידישע רבנים אדער פראפעסארען אז זיי זאלען זיין פעהיג צו בעלייכטען דאס תנ"ך בדרך האמת. ווייל אויף אזא ארט וואלטען זיי דאך דערזעהן ישוע המשיח אין תנ"ך און זיי וואלטען דאך במילא אויס־רבנים געווארען.

עס איז צוואר א ביטערער אמת, עס איז אבער דער ריינער אמת, אז אידישע יונגע לייט לערנען נישט דאס תנ"ך. זיי האבען דאס פשוט אוועקגעווארפען און שטודירען ליעבער צו ווערען אדוואקאטען, דאקטאר, אינזשעניר א. ד. ג. זיי ווילען בעסער א קאריערע, געלד מאכען, ווייל פאר געלד בעקומט ער די וועלט. איי וואס הערט זיך עפעס מכח „יענע וועלט"? דאס קען מען דאך נישט פאר געלד קויפען! צו אזאלכע הויכע געדאנקען קומט נישט דער אידישער יונגערמאן.

דער קריסטליכער יונגערמאן, אבער, שטרעבט נישט פאר דאס געלד־מאכעריי, נייערט ער וויל זיין גייסט ענטוויקלען, זיך בעקענען מיט גאט און מיט זיין ווארט. ער זאגט ווי דוד המלך האט אמאל געזאגט, „נר לרגלי דברך ואור לנתבתי".

בתוך כדי דבור דארף מען נישט פארגעסען אז דאס תנ"ך איז צו דעם קריסטליכען יונגענמאן לחלוטין א פרעמדע זאך, וועלכעס ענטהאלט ערצעהלונגען פון א פרעמדער נאציאן, און דאך לערענט ער דאס ווייל ער געפינט דרין דעם גרעסטען אוצר, ישוע המשיח, וואס איז געקומען צו רעטען די גאנצע מענשהייט פון אונטערגאנג און דורך איהם דאס אייביגע גליק צו עררייכען.

נו, זאלען נישט אידען זיך פערטראכטען דרין און זעהן דעם פאקט בולט פאר זייערע אויגען? איז דאס נישט דאס גרעסטע וואונדער אין דער וועלט אז דורך ישוע המשיח זיינען פשוט'ע גוים פעראינטערעסירט געווארען אין דעם „ספר הספרים", אין דעם אידישען תנ"ך, און אזוי פיעל מיליאנען סטודענטען לערנען עס אצינד!

נישט נור לערנען זיי עס פאר זיך, נייערט זיי, די קריסטען, לאזען דאס תנ"ך אויך דרוקען אין אלערהאנד שפראכען, און פערטיילען יעהרליך מיליאנען ביבלען צווישען אלע קלאסען מענשען (אפילו צו ווילדע מענשען־פרעסער) און ווילען אז אלע זאלען קומען צום מלכות השמים.

איין זאך איז דא שווערליך צו פארשטעהן און מיר קענען עס נישט זעהר לייכט ערקלעהרען. ווי מיר ווייסען, האבען דאך אידען א טבע פון אייביג אן נאכצוטהון די גוים אלעס וואס זיי טהון. ווען ער איז געקומען אין בעריהרונג מיט די גריכען האט ער נאכגעטהון די גריכען. אין רוים האט ער נאכגעטהון די רוימער, אין רוסלאנד די רוסען, און אין אמעריקא — אמעריקאנער, פאר וואס־זשע זאלען אידען נישט נאכטהון די קריסטען אויך אין דיזען וויכטיגען פונקט, נעמליך, צו לערנען דאס תנ"ך?

עס האט אפנים א סך צו טהון מיט די נבואה פון ישעיה כ"ט, וואו עס הייסט: „כי נסך עליכם ד' רוח תרדמה ויעצם את עיניכם . . . ותהי לכם חזות הכל כדברי הספר החתום . . . . לאמר קרא נא זה ואמר לא אוכל כי חתום הוא". יא, דאס הייליגע תנ"ך איז צו אידען געווארען א ספר החתום, פער'התמ'עט און פערזיגעלט אויף אלע פיער זייטען. אידען לערנען דאס נישט און פארשטעהן דאס נישט, און האבען במילא נישט די ברכות וואס דארט איז פאראן.

פארוואס האבען אייגענטליך די קריסטען יא ליעב אונזער תנ"ך? וואס איז דער גרונד אויף וועלכען זייער ליעבע צום תנ"ך איז אזוי שטארק און פעסט אויפגעבויעט? נו הערט און פארשטעהט:

עס איז יעדען בעקאנט אז די הייליגע תורה הייסט אור, (כי נר מצוה ותורה אור) ווייל די תורה (תנ"ך) שרייבט וועגען משיח וואס הייסט „אור העולם". די הייליגע תורה האט פאר 2000 לאנגע יאהר אהין געוויזען אויף דעם אור המשיח ביז דער משיח איז ענדליך אנגעקומען און זיין ליכט האט גענומען שיינען און לייכטען אין אלע ווינקעלעך פון דער וועלט.

די גוים „ההולכים בחושך" זיינען דערצו צוגעצויגען געווארען און האבען אנגעהויבען צו לערנען דאס תנ"ך, וואס שרייבט וועגען דעם משיח, עפעס אזוי ווי מען לעזט א פראגראם וואס צייגט אן אלע זאכען וואס דארפען פאסירען מיט'ן משיח. און דארט אין דעם פראגראם האבען זיי געפונען דעם „דרך ככב מיעקב" (במדבר כ"ג). דארט געפינען זיי אויך דעם „אור להאיר לגוים" (ישעיה מ"ב), וואס מיינט ישוע המשיח. דארט אין גאטס פראגראם געפינען זיי אויך אז דער משיח האט בעדארפט קומען פון שבט יהודה (בראשית מ"ט), צו וועמען אלע פעלקער זאלען זיך זאמלען און אין מיכה ה' געפינען זיי אז דער משיח מוז קומען פון בית לחם יהודה צו זיין א מושל בישראל, צי דער איד וויל יא צי ניט. זיי האבען אויך דארט געפונען אז דער משיח מוז ליידען און שטארבען פאר דער זינד פון דער גאנצער מענשהייט (ישעיה נ"ג), אויפשטעהן תחית המתים אויפ'ן דריטען טאג (הושע ו') און ארויף אין הימעל לימין הגבורה (תהלים ק"י) און וועט צוריק קומען במהרה בימינו ווען אלע וועלען איהם זעהן אלס דעם וואס איז אמאל צור־שטאכען געווארען פאר אונז (זכריה י"ב).

אט לעזענדיג דאס, זעהט דער גוי איין דעם אמת אין ישוע המשיח, אין וועמען דיזע אלע זאכען זיינען ערפילט געווארען, און ער געפינט במילא אין איהם דאס „אור העולם".

וואס הערט זיך אבער מיט אחינו בני ישראל? זיי האבען ליידער קיין אמונה אין ישוע המשיח און אהן איהם איז דאס גאנצע תנ"ך ווי א „בור רק", אזוי ווי שוין אויבען געזאגט, נור א ספר החתום.

ווערטהע לעזער, דאס הארץ טהוט אונז וועה פאר דעם טרויעריגען גייסטיגען אידישען צושטאנד. מיר וואלטען גערן זעהן אז אידען זאלען זיין גליקליך און געהן מעלה מעלה, עס זאל ווערען ליכטיג אין יעדען אידישען ווינקעלע, וועלכעס קען נור זיין דורך דעם

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

• PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן י׳-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. VIII No. 5 | 50 CENTS A YEAR | JANUARY, 1927


## שטראוס און פאָרד

א וואָרט־שטרייט איז פאַרשאַרפט געוואָרען צווישען דעם בעקאַנטען פילאַנטראָפּ מר' נייטהען שטראוס און צווישען דעם אָטאָמאָביל־מאַננאַט העגרי פאָרד.

מר' שטראוס, אין זיין רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין באָסטאָן אויף דער ציון אפּיעל קאָנפערענץ, האָט שטאַרק אַטאַקירט מר' פאָרד, בכן, פאָרד פיהרט אָן א קאַמפּף נעגען אידישען פאָלק. האָט דער רעדנער געמאַכט א פאָרשלאַג אַז מר' פאָרד זאָל זיך אויסקלייבען 8 מיטגלידער פון א קאָמיטע פון 10, כדי די זאַך צו דיסקוטירען, אויפנעמען אַלע פאַקטען און קומען צו א בעשלוס.

מר' נייטהען שטראוס האָט אויך באשולדיגט פאָרד אויף יענער קאָנפערענץ אַז ער נוצט זיין געלד פאַר שלעכטע צוועקען, נעמליך, צו שאַפען א האַס צווישען מענשען נעגען אידען. מר' שטראוס האָט קאָנטראַסטירט מר' פאָרד מיט מר' ראַקעפעלער, וועלכער האָט געגעבען א גרויסע סומע געלד צו העלפען די ליידענדע אידען אין אייראָפּא, וועלכעס בריינגט א ברכה צו מענשען, ווערענד מר' פאָרדס געלד ווערט באַנוצט צו בריינגען א קללה צו דער מענשהייט.

ווי עס איז בעקאַנט, האָבען זיך אידען בעקלאָגט אַז פאָרד פינאַנצירט די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין אייראָפּא ווי אויך דאָ אין אַמעריקא, בכן, ער האָט פערברייט ליטעראַטור, אין וועלכע ער באַהויפּטעט און באַשטעטיגט די אַלטע באָבע־מעשה, „דער אינטערנאַציאָנאַלער איד", ד"ה, אַז אַלע אידען זיינען פעראייניגט צו קאָנטראָלירען אַלע פינאַנציעלע צענטערס פון דער וועלט מיט א שפּיאָנאַזש סיסטעם אום צו אונטערדריקען אַלע קריסטען א. ז. וו.

מיט 2 אָדער 3 יאָהר צוריק, ווען א איד מיט'ן נאָמען בערנשטיין האָט פאַרקלאָגט מר' פאָרד פאַר פערליימדונג, מאָנענדיג פון איהם א גרויסע סומע געלד שאַדען־ערזאַץ, האָבען מיר שוין דאַמאָלס געשריבען אין רעה ישראל אַז „לא זו הדרך". מיר האָבען דאַמאָלס געוואָרענט אַז אידען דאַרפען נישט אויפרייצען איינעם וועלכען מען בעטראַכט אַלס א שונא, מיר האָבען דאַמאָלס ציטירט די ווערטער פון ישוע המשיח אין מתתיהו ה', 38, וואָס ער זאָגט:

„איך זאָג אייך אַז איהר זאָלט אייך נישט שטעלען געגען דעם וואָס וויל אייך שלעכטעס טהון".

ווי טרויעריג עס איז אַז אַזאַ וואוילער איד ווי מר' שטראוס איז, און א סך אַנדערע אידישע מנהיגים, זעלבסט געקרוינטע און אַנדערע, ווילען באין אופן נישט אַדאָפּטירען דעם גייסט פון ישוע המשיח. וואָלטען זיי זיך אָבער אַזוי אויפגעפיהרט ווי ישוע המשיח הייסט, אוי ווי גוט וואָלט געוועזען די אידען אין דער גאַנצער וועלט. נור אָבער, ווי אַזוי קענען זיי געלייטעט ווערען דורך דעם גייסט פון משיח ווען זיי האָבען נישט דעם משיח גופא אָנגענומען אַלס זייער פיהרער, יועץ און וועגווייזער.

דערפאַר שרייען זיי בראש כל חוצות, איבער יעדער צרה וואָס קומט אויף אידען. זיי דענקען אַז מיט קריטיקירען און פּראָטעסטען וועלען זיי א סך העלפען די אידישע געדריקטע לאַגע. דיזע פיהרער ווילען אָבער נישט פאַרשטעהן אַז מיט העפטיגע אַנגריפען און מיט גיפטיגע קריטיקס געגען די וואָס ווילען אונז שלעכטעס טהון, מאַכען זיי די לאַגע פאַר אידען נאָר ערגער, ווייל דער שונא ווערט דערפון נאָך מעהר אויפגעטראָגען, אַזוי ווי מיר האָבען שוין א סך מאָל בעפאָר געזעהן. ליידער ווילען זיי אָבער נישט לערנען פון דער פערגאַנגענער ערפאַהרונג און זעהן אַז דאָס מיטעל וואָס ישוע המשיח גיט אונז איז דאָס בעסטע, דאָס קלוגסטע און דאָס ווירקענדסטע איבער אַלע אַנדערע מיטלען.

אָבער אַנשטאַט דאָס איינצוזעהן, טהוען זיי נאָך אימער דאָס זייעריגע, זיי זיינען מרעיש עולמות מיט דער צונג אַזוי ווי מיט דער פען, מיט געפּילדער און מיט ליאַרם.

אָט למשל איז געקומען א מר' פּריטשעט פון דעם קאַרנעגי פאָנד פאַר שלום, מיט א רעפּאָרט פון זיין בעזוך אין פּאַלעסטינא. אין זיין רעפּאָרט האָט ער געזאָגט, אַז די אידישע לאַגע אין ארץ ישראל איז א העכסט טרויעריגע און אַז די גאַנצע זאַך דאָרט וועט זיך אויסלאָזען מיט א גרויסען גאָרנישט. בכן, די ציוניסטישע פיהרער רואינירען די פיעלע טויזענטער אידען וואָס זיינען דאָרט אריינגעקומען און קענען פון דאָרט באין אופן נישט ארויס כאָטש זיי וואָלטען נעביך געוואָלט פון דאָרט אַנטלויפען צו יעדער צייט. נו פרעגט שוין גאָרנישט, די אידישע פיהרער האָבען באַלד אויפגעעפענט דאָס מויל מיט זלזולים און מיט צו־נעמען אויף מר' פּריטשעט, רודפענדיג איהם אַנטיסעמיט, שונא ישראל און נאָך אַזאַלכע טייערע טיטלען. אַזאַלכע לאַנגע צונגען מיט אָפענע מיילער מאַכען די סיטואַציע נאָך ערגער, ווייל ווען ער איז א שונא, ווערט ער דאדורך נאָך מעהר אויפגערעגט און וועט זוכען נאָך מעהר שאָדען צו בריינגען צו אידען.

פון די פיהרער האָבען זיך אויך אויסגעלערענט די אידישע מאַסע נאָכצופאָלגען זייער ביישפּיעל.

אָט האָט דער אידישער קלוב אין פּוילישען סיים פּראָטעסטירט געגען די האַנדלונגען פון די אַנטיסעמיטען אין רומעניִשען פּאַרלאַמענט, זאָגענדיג, אַז ס׳ פאָלק וועמעס פּראָפעסאָרען און סטודענטען זיינען פּאָגראָמשטשיקעס, אַזאַ פאָלק האָט קיין פּלאַץ צווישען די ציוויליזירטע פעלקער אין דער וועלט. יענער אידישער קלוב האָט אויך אויפגעפאָדערט די אַמעריקאַנער אידען נישט צו שווייגען נייערט זיי זאָלען אויך ארויס מיט א פּראָטעסט דאַגעגען. „מ׳קען נישט שווייגען," זאָגען זיי, „די אַלטע אידישע טראַדיציע איז אימער געוועזען צו שרייען געגען די עוולות וואָס עס ווערען בעגאַנגען געגען אידען, בכן, מוזען מיר שרייען ווען מ׳שלאָגט אונז."

די פראַגע איז אָבער, האָט שוין אמאָל געהאָלפען דאָס שרייען וואָס זיי זאָגען אַז ס׳איז די אַלטע אידישע טראַדיציע? אלא ווען ניט, אַזוי ווי מיר וויסען אַז עס האָט לחלוטין קיינמאָל נישט געהאָלפען, טאָ צו־וואָס־זשע דאָס שרייען? זאָגט נישט רש"י אין ישעיה נ"ג אויף דעם פסוק „נגש והוא נענה ולא יפתח פיו כשה לטבח יובל וכרחל לפני גוזיה נאלמה ולא יפתח פיו," אַז דער גאַנצער ענין געהט אויף אידען, וואָס ליידען און שווייגען אַזוי ווי א לעמעלע.

נו וועלכעס איז אמת, צי אַזוי ווי זיי זאָגען אַז לויט די אַלטע אידישע טראַדיציע האָבען אידען געשריגען אין איין עת צרה, צי זאָגט רש"י דעם אמת, אַז אידען לאָזען זיך אויסקוילען ווי לעמעלאַך און שווייגען שטיל.

אגב אורחא מוז מען דאָ באַמערקען אַז רש"י אליין איז זיך במחילת כבודו שטאַרק סותר אין דעם ענין, ווייל אין סנהדרין דף צ"ח זאָגט רש"י אַז ישעיה נ"ג געהט יאָ אויפ'ן משיח. נור דער פאַקט אַז אידען האָבען תמיד יאָ געשריגען מאַכט די זאַך נאָך קלאָהרער און דעם בעוויז נאָך שטאַרקער אַז דאָס גאַנצע קאַפּיטעל ישעיה נ"ג געהט אויף ישוע המשיח. ער, ישוע המשיח, האָט יאָ געליטען און געשוויגען.


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.